# יחזקאל

אין אידיש

גליון שבועי לעילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

פרשת ויקרא תשפ"ה / גליון ק"ל



0722 531 385

מערכת "קול דודי"

א וועלט פון ליכטיגע חסיד'ישע שמועסן

אין אמעריקע

605.313.6695

אין איראפע

033.0551.7811

ספעציעל לייכט און דערהויבן

טעגליכער פארברענג

טאג טעגליך אין חודש ניסן

אויף "היכל המרכזי" אין נומער 1


הלימוד היומי בספרי חסידות

לשבוע הבעל"ט

ספה"ק **מאור עינים** (מקץ-ויגש)

| יום | מד"ה |
|---|---|
| ראשון | ולכן כתיב וירא יעקב |
| שני | וזה אשר אמר הבעש"ט |
| שלישי | והנה ראה יוסף |
| רביעי | מתחילים פרשת ויגש |
| חמישי | אך מה הוא אש ומים עד ד"ה כמאמרינו על |

איינצושרייבן צו באקומען דעם חודש'ליכן קונטרס
ביי אייך אינדערהיים, רופט 848-243-1624

## חסיד'יש גערעדט

א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# דער אויבערשטער רעדט יעצט צו מיר

### 'שפירן' דערוייטערט - איז שייך, אבער 'זיין' דערוייטערט - איז נישט שייך. פונקט ווי מען קען זיך נישט אפהאקן פון 'זיך זעלבסט' - אזוי קען מען זיך נישט אפרייסן פון אויבערשטן

אלחנן'ס געזיכט איז געווען רויט ווי א בוריקע...

נפתלי האט היינט ארויסגעשטעלט אן אדווערטייזמענט, אז ער עפנט אויף א נייע געשעפט - ממש קעגנאיבער זיין געשעפט. אלחנן שפירט ווי ער וויל יעצט טרעפן נפתלי אינמיטן גרויסן בית המדרש צווישן צענדליגער אידן און דארט אויפהייבן זיין קול אויף אים מיט די ריכטיגע ווערטער אים צו פארשעמען ביז צו דער ערד, אז ער זאל וויסן אז מיט אלחנן הייבט מען זיך נישט אן... ער זאל באקומען זיין פארדינטע פארציע און זיך זוכן א צווייטן קאנקורענץ.

אלחנן נעמט זיך שפאנען געשווינד אהין צו יענעם בית המדרש וואו נפתלי דאווענט יעצט, כדי צו כאפן נפתלי באצייטנס. אבער... טראככ... אלחנן האט נישט באמערקט דעם אייזן וועלכער שטעקט זיך ארויס פון דער געביידע און ער איז ארויפגעפאלן דערויף און זיך שטארק צוקלאפט.

"וואס גייט דא פאר? איך גיי דאך דורך דעם גאס כמעט יעדן טאג, און אלעמאל בין איך פארזיכטיג מיט דעם אייזן, פונקט יעצט ווען איך אייל זיך - מוז געשען אזא פאַנטשער?". אבער ער טראכט נישט צופיל, שנעל גיבט ער זיך א הייב אויף און טראָץ זיין ווייעדיגע פוס שטרענגט ער זיך אן צו גיין גאר שנעל - איידער נפתלי פארלאזט יענעם בית המדרש וואו ער דאווענט יעדן טאג.

"אוי, ווער קומט מיר דא אנטקעגן? דאס איז דאך מיין טאטע, נאר דאס האט מיר יעצט אויסגעפעלט... מיין טאטע איז דאך אזא איידעלער איד אז ער וועט מיר נישט לאזן פארשעמען א צווייטן איד. אבער וואס טוה איך דא? איגנארירן קען איך אים נישט, און פארציילן וויל איך אים אויך נישט, אָחח, פונקט יעצט?".

"וואס גייט פאר אלחנן טייערער? פון דיין לויפן זעט מען אז ווי דו לויפסט יעצט איינעם שלעכטס טון! און איך שטעל זיך פאר אז דאס איז צוליב דעם געשעפט וואס נפתלי עפנט אויף קעגנאיבער דיר. אבער מיין טייער קינד, האב אביסל אמונה אז פרנסה גיבט דער אויבערשטער! בארואיג זיך און טוה נישט קיין ווילדע זאכן!".

"גוט גוט, טאטע, דו ביסט גערעכט! איך וועל זען וואס צו טון!". דרייט ער זיך ארויס, און וואַרט שוין קוים אז זיין רואיגער טאטע זאל אים שוין באפרייען, און אים לאזן גיין ווייטער, צו קענען אויספירן זיין מיסיע.

ענדליך, נאך א פאָר גוטע מינוט, וועלכע האט אויסגעזען ווי 'אייביג', האט אים זיין טאטע באפרייט - ווען אינצווישן האט ער זיך שוין טאקע אביסל בארואיגט זיין כעס. אבער אלחנן גיבט נישט אויף. ער נעמט זיך צוזאם און פלאמט נאכאמאל אויף זיין כעס אויף נפתלי'ס חוצפה: "ניטאמאל האט ער מיר געלאזט וויסן פון פאראויס איבער זיינע פלענער, כאטש זיך אנטשולדיגן און זיך אויסשמועסן! ער מוז באקומען פון מיר בזיונות וואס ער וועט קיינמאל נישט פארגעסן!". אלחנן לויפט ווייטער צו יענעם בית המדרש, אבער ווי נאר ער קומט אריין, זעט ער אז ער האט פארפאסט... מען האט שוין לאנג געענדיגט דאווענען, דער בית המדרש איז ליידיג און ער קען זיך אויסגעבן אויף די פיר ווענט...

"אויש... פארוואס גייט מיר עס נישט? פונקט האב איך געמוזט זיך אויסגליטשן אויפן וועג און דערנאך אנטרעפן מיין טאטע וועלכער האט מיר אויפגעהאלטן אין די טייערע מינוטן. פארוואס?".

"גוט גוט, טאטע, דו ביסט גערעכט! איך וועל זען וואס צו טון!". דרייט ער זיך ארויס, און וואַרט שוין קוים אז זיין רואיגער טאטע זאל אים שוין באפרייען

## אפילו ביים גרעסטן רשע

דער 'מאור עינים' דער וואך ברענגט אראפ די באקאנטע ווערטער פונעם אלשיך הקדוש: "**וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם**" - "**בְּתוֹכוֹ לֹא נֶאֱמַר אֶלָּא בְּתוֹךְ כָּל אֶחָד וְאֶחָד**", און דער מאור עינים איז מסביר לויט דעם, אז אויב רוהט דער אויבערשטער אינעם איד - איז נישטא אזא זאך, אז א איד זאל ווערן אפגעריסן פונעם אויבערשטן - אפילו אין דעם ערגסטן מצב פון א חטא.

"**הָעִנְיָן הוּא שֶׁהַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא מְצַמְצֵם אֵצֶל כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל, וַאֲפִלּוּ אֵצֶל רָשָׁע גָּדוֹל יֵשׁ אֶצְלוֹ עֲדַיִן הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ, וְהָרְאָיָה שֶׁלְּכָל רָשָׁע בָּאִים לוֹ הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה, דְּהַיְנוּ שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא קוֹרֵא אוֹתוֹ בְּעַצְמוֹ וְאוֹמֵר 'שׁוּב אֵלַי', רַק שֶׁאֵינוֹ מֵבִין שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ קוֹרֵא אוֹתוֹ. וְזֶהוּ 'וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה' - כְּתִיב אָלֶ"ף זְעִירָא, דְּהַיְנוּ שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁהוּא אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם הוּא מְצַמְצֵם אֵצֶל כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל, וְקוֹרֵא אוֹתוֹ לָשׁוּב, דְּהַיְנוּ הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה שֶׁבָּאִים לוֹ, רַק מִפְּנֵי שֶׁאֵינוֹ מֵבִין שֶׁזֶּה קוֹרֵא אוֹתוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בָּרוּךְ הוּא, לָכֵן כְּתִיב וַיִּקְרָא סְתָם**".

פארוואס שטייט "ויקרא אל משה", און נישט "ויקרא ה' אל משה"?! ווייל ריכטיג טאקע, אז בשעת'ן זינדיגן מיינט דער מענטש אז ער איז ווייט פונעם אויבערשטן, אבער אינ'אמת'ן שטייט יא דארט דער 'אלופו של עולם'! ער איז דארט און ער רופט דעם איד צו תשובה. דאס וואס ער שפירט דעמאלט חרטה געפילן - זענען נישט סתם קיין שולד געפילן, נאר א רוף וואס דער אויבערשטער רופט אים תשובה צו טון. עס איז אבער א קליינער אלף, ווייל אין א פלאץ פון חטא מוז כביכול דער אויבערשטער זיך 'מצמצם' זיין און זיך קליין מאכן. דאס הייסט, דער מענטש זאל אים נישט באמערקן אזוי לייכט און פשוט, נאר אויב ער זוכט אים אויף און קוקט גוט.

לייגט דער 'מאור עינים' צו א געוואלדיגער יסוד: נישט בלויז אז דער אויבערשטער רעדט צו דיר בשעת'ן חטא, נאר אויך לייגט ער דיר אונטער פאנטשערס אויפן וועג - כדי דיר אפצוהאלטן פון אנקומען צום חטא.

"**אֲבָל כְּשֶׁמֵּבִין שֶׁזֶּה קוֹרֵא אוֹתוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לָשׁוּב מִדַּרְכּוֹ הָרָעָה וְהוּא מֵשִׁיב עַצְמוֹ אֶל הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ אָז אַחַר כָּךְ 'וַיְדַבֵּר ה' אֵלָיו מֵאֹהֶל מוֹעֵד לֵאמֹר' - דְּהַיְנוּ כְּשֶׁבָּא לַעֲשׂוֹת אֵיזֶה עֲבֵרָה וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מוֹנֵעַ אוֹתוֹ עַל יְדֵי אֵיזֶה סִבָּה שֶׁלֹּא יוּכַל לַעֲשׂוֹת הָעֲבֵרָה, הֲרֵי הוּא כְּמוֹ שֶׁמְּדַבֵּר אֵלָיו: שׁוּבָה אֵלַי! עַד מָתַי תֵּלֵךְ אַחַר הֲבָלֶיךָ!**". ווען א מענטש כאפט, אז די הרהורי תשובה איז א רוף פונעם אויבערשטן - הייבט ער אן צו כאפן, אז דא איז דא טיפערס. דער אויבערשטער רעדט פשוט צו מיר ברחל בתך הקטנה! די אלע שוועריקייטן אנצוקומען צום חטא - זענען נישט פערצופאל, נאר דאס זענען קלארע ווערטער פונעם אויבערשטן אליינס: "שובה אלי!".

מיט דעם איז דער 'מאור עינים' מסביר די גמרא, אז דער אויבערשטער האט אנגעכאפט ירבעם בן נבט ביי זיין קלייד און האט אים געזאגט 'חזור בך', אז דאס מיינט, אז דער אויבערשטער האט אים אונטערגעשטעלט שטרויכלונגען, אים אפצוהאלטן פון זינדיגן. "**וְזֶהוּ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל 'תְּפָשׂוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְיָרָבְעָם [בְּבִגְדוֹ] חֲזֹר בְּךָ' - הַיְנוּ בְּשָׁעָה שֶׁהָיָה בּוֹגֵד, שֶׁהָיָה עוֹמֵד וּמַקְרִיב לַעֲבוֹדָה זָרָה, וְהוֹכִיחַ אוֹתוֹ הַנָּבִיא, וְרָצָה לִשְׁלֹחַ יָד בּוֹ וַתִּיבַשׁ יָדוֹ, וְלֹא יִהְיֶה יָכוֹל לַעֲבֹד עֲבוֹדָה זָרָה, וְהַיְנוּ כְּמוֹ שֶׁאָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא 'חֲזֹר בְּךָ' דְּהַיְנוּ בְּמַה שֶּׁמָּנַע מִמֶּנּוּ**". ווען 'פונקט' גליטשט מען זיך אויס, און 'פונקט' טרעפסטו דיין איידעלן טאטן, און נאך א פאר פונקט'ס - זאלסטו וויסן, אז דער אויבערשטער רעדט יעצט צו דיר!

## נישטא קיין 'אפגעריסנקייט'

דער שייכות צווישן דעם אויבערשטן מיט א איד, איז נישט ווי א בעל הבית מיט אן ארבעטער, אויך נישט ווי א מנהל און א ישיבה בחור, און אפילו נישט ווי טאטע און א זון. נאר דער אויבערשטער אליינס רוהט אין אונז! און אויב אזוי, איז נישטא

המשך אין עמוד ב

# כאילו הוא יצא

## וויאזוי קען מען שפירן ווי גלייך מ'איז אליינס ארויס פון מצרים? • ביסט געווארן אויסגעלייזט אגב'דיג, אדער מ'האט דיר געמיינט? • פארוואס האט אונז השי"ת לכתחילה משעבד געווען?

נס יציאת מצרים איז אנדערש פון אלע אנדערע נסים. ביי די אנדערע נסים דאנקען מיר השי"ת פארן מאכן א נס פאר אונזערע זיידעס, און אלס תוצאה, פאר אונז, זייענדיג זייערע אייניקלעך. אבער ביים נס יציאת מצרים, שטייט "בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו **הוא יצא ממצרים**, שנאמר 'והגדת לבנך ביום ההוא לאמר בעבור זה עשה ה' **לי בצאתי ממצרים**' (פסחים קטז:), און אויף דעם ארויף, האבן חז"ל מחייב געווען צו זאגן ביי די הגדה, "ואותנו הוציא משם". אז מיר דארפן זיך פרייען, ווי גלייך ס'איז געשען צו אונז אליינס. אונזער יחס צום נס, איז נישט נאר אז אונזערע עלטערן זענען געווארן אויסגעלייזט, און אלס תוצאה אויך אונז, נאר **מיר אליינס** זענען ארויס פון מצרים, אזויווי מיר זאגן ביי די ברכה פון 'מגיד', "אשר **גאלנו וגאל את אבותינו**". ס'איז נישט נאר זייער גאולה, נאר אויך אונזער'ס.

> מ'כאפט אז דער רצון העליון ביים אויסלייזן די אידן, האט אונז געמיינט! דער אויבערשטער האט מיר געוואלט - און דאס ברענגט א מורא'דיגע שמחה!

וואס איז פשט דערפון? לכאורה איז דאך דער מציאות, אז נאר אונזערע עלטערן זענען ארויס פון מצרים; וויאזוי קען מען זאגן אז אויך מיר זענען ארויס פון דארט, און נאך עס שפירן?!

## בפשטות: דיר אויסגעקליבן

**לאמיר עס פארשטיין מיט א משל:**

א רבי האט תלמידים וואס זענען מקורב צו זיין אור, זיי זענען זיך מקשר און ווערן בטל צו אים, און פון גרויס תשוקה שליסן זיי צוזאם צו א חבורה. אויך זייערע קינדער האלטן אן דעם דרך, אבער די קינדער'ס תשוקה און דביקות איז נישט דומה זייער טאטנ'ס.

לויט דעם וואלט געווען א צד, אז השי"ת האט אין אמת'ן דערוועלט דעם דור פון יוצאי מצרים, און מיר זענען נאר א תוצאה פון זיי. מיר האבן נישט זייער דביקות. אבער השי"ת ווייזט אונז אז ס'איז נישט אזוי. ביים אויסלייזן די אידן האט ער נישט נאר זיי געמיינט, נאר ער האט לכתחילה אינזין געהאט אויסצולייזן יעדע איינציגע נשמה מישראל עד סוף כל הדורות. ער האט דעמאלטס געזען יעדע אידישע נשמה פרטית פון די כללות'דיגע קומת ישראל, און איר אראפגעשיקט אין א גוף במשך די דורות. ס'איז דעמאלטס געווען א רצון מיוחד צו יעדער איד, איך און דיר, ווען השי"ת האט אויסגעקליבן, אויסגעלייזט און דערנענטערט צו אים.

נאך מער; פונקט ווי "חייב אדם לומר בשבילי נברא העולם", אזוי אויך איז גאנץ גאולת מצרים געווען ווערד פאר יעדע נשמה פרטית בישראל. קיינער איז נישט געווארן אויסגעלייזט **אגב'דיג**, נאר השי"ת האט ספעציעל אויסגעלייזט און גענומען צו זיך יעדן איינעם!

די שמחה וואס מ'באקומט ביים דאס דערהערן, איז אין לשער. מ'כאפט אז דער רצון העליון ביים אויסלייזן די אידן, **האט אונז געמיינט!** נישט ווייל ער האט אויסגעוועלט און אויסגעלייזט כלל ישראל אין **אלגעמיין**, בשעת די פרטים זענען נישט אזוי וויכטיג, נאר ער האט געוואלט יעדע איינציגע נשמה. דער אויבערשטער האט מיר געוואלט - און דאס ברענגט א מורא'דיגע שמחה!

## בעמקות: מיר זענען דארט געווען! כפנימיות: יעצט!

ווען מ'קוקט אביסל טיפער, זעט מען אז ס'איז טאקע אזוי, **יעדע איינציגע נשמה איז ווירקליך געווען ביי יציאת מצרים!** אזויווי אלע קומענדיגע נשמות זענען געווען ביים מעמד מתן תורה (שבת קמו.), און יציאת מצרים איז דאך געווען א הקדמה צו מתן תורה, אזויווי ס'שטייט (שמות ג, יב) "בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה". אויב אזוי, פונקט ווי אלע נשמות זענען געווען ביי מתן תורה, זענען אלע אויך געווען ביי יציאת מצרים, אויך די וואס זענען נאכנישט געווען אין א גוף. יעדער האט זוכה געווען צו די דעמאלטסדיגע גילויים, און דערפאר, טוט זיך יעדער פרייען אום פסח, ווייל מיר זעלבסט זענען געווארן אויסגעלייזט פון מצרים.

אבער על פי פנימיות, ווערט די נקודה נאר קלארער.

די שמחה פון יציאת מצרים איז נישט נאר אויף עפעס וואס איז **אמאל** געשען מיט אונז, נאר מ'פריידט זיך אויף עפעס וואס געשעט יעדעס יאר פונדאסניי (עיין לשון הרמב"ם הל' חמץ ומצה פ"ז ה"ו: "כאילו הוא בעצמו יצא משעבוד מצרים", ווי אויך ווי ער איז מסביר אז 'הסיבה' איז כדי זיך צו אליינס שפירן געווארענע בני חורין), אזויווי ס'שטייט פון אריז"ל און אלע ספרים, אז יעדעס יאר שפילט זיך איבער א יציאת מצרים, און אלע מצוות הלילה טוען ברענגען די גאולה פונדאסניי.

לאמיר עס פארשטיין, מיטן מבאר זיין די מהות פון גאולת מצרים.

## וואס מיינט יציאת מצרים?

וואס איז די גרויסע שמחה פון גאולת מצרים? וואס איז די גדולה אז מען האט אונז באפרייט פון דארט; מאך נישט קיין עבדים, און לייז נישט אויס?!

דער תקוני זוהר (תל"ב) פרעגט ענליך; וואס מאכט די תורה אזא טראסק פון יציאת מצרים? די תשובה דארט איז, אז די טראסק איז נישט איבערן עצם ארויסגיין פון מצרים, נאר די תורה דערמאנט 'יציאת מצרים' גאנצע פופציג מאל, נאר אונז צו דערציילן ווי גרויס די גילוי פון יציאת מצרים איז, זייענדיג 'גילוי היובל', אזויווי די פופציגסטע יאר ווען עבדים ווערן באפרייט, וואס אנטקעגן די 'חמישים שערי בינה'.

הייסט אז יציאת מצרים מיינט נישט סתם א **גאולה פון קנעכטשאפט**, נאר די מעלה רוחנית וואס מיר האבן דערביי זוכה געווען, אז **מיר זענען געווארן א 'מציאות אלקית'**, וועמענ'ס עקזיסטענץ און הנהגה איז העכער אלע גשמיות'דיגע גרעניצן. דאס איז 'חמישים שערי בינה', מ'גייט ארויס פון אלע גדרי הטבע. (ווייל 'פופציג' האט א העכערע מעלה ווי די מספר מ"ט, וואס ברענגט ארויס שלימות פון טבע, ווייל מ"ט באטרעפט זיבן מאל זיבן, און 'זיבן' איז מגדיר 'זמן' און 'מקום', ווייל השי"ת האט באשאפן די וועלט מיט זיבן 'טעג', און באשאפן 'מקום' מיט זעקס זייטן; אויבן, אונטן און פיר זייטן, און די 'חלל' אינדערמיט - קומט אויס זיבן. און שלימות הטבע איז ווען יעדע פון די זיבן איז כולל אין זיך אלע זיבן, אזוי ווערט מ"ט. אזוי אז פופציג צייגט א יציאה פון גדרי הטבע).

ווען אור ה' ווערט נתגלה צו נשמות ישראל העכער יעדע הגבלה גשמית, מיט א ציל אז זיי זאלן זיך מדבק זיין אין אים, ווערט בטל אלע שעבודים און טבעית'דיגע סדרים, און זיי ווערן נתדבק אין אים אויף אייביג. דעריבער איז

## חסיד'יש גערעדט / המשך

המשך פון עמוד א

אזא מציאות ווי ווערן דערוווייטערט פון אים! 'שפירן' דערוווייטערט - איז שייך, אבער 'זיין' דערוווייטערט - איז נישט שייך. אן ארבעטער וועלכער טוט נישט וואס ער דארף - פליהט פון דער פאסטן. א בחור וועלכער פירט זיך נישט ווי ער דארף - לאזט מען אים נישט צוריק קומען קומענדיגן זמן אין ישיבה. אפילו א קינד צו א טאטן - קען נאך אמאל זיך צוקריגן מיטן טאטן, ביז דער טאטע זאל אים פארשיקן פונדערהיים. אבער ווען עס רעדט זיך פון 'אים אליינס' - ווי איז שייך זיך צו דערוווייטערן? פונקט ווי א מענטש קען זיך נישט אפהאקן פון זיך זעלבסט, אזוי אויך כביכול, קען זיך נישט א איד אפרייסן פונעם אויבערשטן, ווייל ער רוהט אין יעדן איינציגסטן איד. יעדער איד איז א 'חלק אלוק ממעל ממש'.

דערפאר זאגט דער מאור עינים - אינמיטן זינדיגן,ווארפט דער אויבערשטער אריין 'הרהורי תשובה', ווייל ער איז מיט אונז א גאנצן צייט. נאכמער, דער אויבערשטער פרובירט א גאנצן צייט אפצוהאלטן דעם חטא. אודאי, ער נעמט נישט אוועק די בחירה, א 'נסיון' מוז בלייבן, אבער ער פרובירט צו רעדן צו אונז - דורך די פאַנטשערס. פונקט ווי א טאטע וועלכער זעט ווי זיין קינד האלט ביים מאכן א טעות אין ביזנעס וואו ער וועט דערלייגן מיליאן דאלער, וועט ער אודאי פרובירן אפצוהאלטן דאס קינד פאר יעדן פרייז - אסאך מער פון דעם, פרובירט דער אויבערשטער אונז אפצוהאלטן פון זינדיגן. ווייל זיין ליבשאפט צו אונז, איז מער ווי פון א טאטע צו א קינד, און איין עבירה איז ערגער ווי דערלייגן א מיליאן דאלער.

מיר דארפן זיך אויסלערנען צו באמערקן דעם קליינעם אלף, און דעמאלט וועלן מיר ווערן אפגעהיטן פון זינדיגן. ווען דער לשון הרע איז שוין אויפן צונג - גרייט ארויסצושיסן, און דעמאלט כאפט אונז אן א מחשבה פון 'וואס טוה איך דא?', זאלן מיר וויסן אפצולערנען, אז דא רעדט דער אויבערשטער יעצט! ער איז דא יעצט מיט אונז, און מיט זיין גרויס ליבשאפט וויל ער נישט מיר זאלן דערלייגן די מיליאנען. און דאס אליינס, וואס מיר וועלן שפירן די ליבשאפט

הפצת הגליון
בק"ק וויען
נתנדב ע"י

חלק מהוצאות הגליון
נדבת ידידנו הנכבד
פע"ח הרב רבי יחזקאל שרגא לאבין שליט"א
לרגל הולדת בתו למזל טוב
בזכות מרן הבעש"ט הק' זי"ע ירווה ממנה רוב נחת דקדושה

יציאת מצרים צוגעגאנגען מיט אזויפיל נסים, אזוי שנעל און מיטן צעברעכן אלע גדרים טבעיים.

## א נייע בריה: כלל ישראל

**פנימיות יציאת מצרים: ס'איז געווארן באשאפן 'כלל ישראל'; א פולשטענדיג נייע בריה.**

ביי בריאת העולם, זענען געווארן באשאפן נבראים 'יש מאין', און פונקט אזוי, איז כלל ישראל געווארן באשאפן ביי יציאת מצרים. השי"ת האט אצינד באשאפן אינגאנצן א נייע סארט בריה, וואס מצד אחד איז א מוגבל, אבער מצד שני איז דבוק אינעם בלי גבול'דיגער באשעפער. איז דען פארהאן נאך אזא בריה?! דאס איז די מערסט דערהויבענער בריה וואס איז סיי ווען באשאפן געווארן! די וועלט איז א יצירה פון בלויז הסתר, אבער כלל ישראל וואס איז באשאפן געווארן ביי יציאת מצרים, איז א יצירה פון הסתר'דיגע נבראים וואס זענען דבוק אין א בלי גבול'דיגער בורא. דאס איז א מורא'דיגע חידוש. דעריבער האט השי"ת מגלה געווען צו משה רבינו פאר יציאת מצרים, אז די גאולה איז א גילוי פון שם אקי"ה און שם הוי"ה (עיין רמב"ן שמות ג, יג), ווייל ס'איז דא א נייע יצירה וואס איז העכער טבע.

אצינד קענען מיר פארשטיין פארוואס מיר זענען אזוי אנדערש, ווי א געווענליכע נברא. יעדער שפירט זיך ווי א פאקטישער נברא, מיט זיינע תכונות און גדרים, אבער נשמות ישראל'ס גאנצע מהות, איז א נברא וואס שפירט זיך בטל צום בורא, פון גרויס הכרה אז אן מציאות ה' איז נישטא קיין שום מציאות. און דאס איז אונזער תפקיד; צו מגלה זיין אלקותו ית', לעבן מיט אמונה און נישט מיט קיין טבעית'דיגע הסתכלות.

סך הכל: **גאולת מצרים מיינט ארויסגיין פון גדרי הטבע, צו א לעבן פון שטענדיגע אמונה און דביקות בה'.**

## טוב ווערט נתברר פון רע

**לויט דעם פארשטייט מען די גאולה וואס ווערט יעדעס יאר פונדאסניי; פארוואס ווערן מיר אליינס, אויסגעלייזט יעדעס יאר פון מצרים?**

**איין מהלך:** די כוחות הקדושה אין אונז וואס זענען אויסגעמישט אין קלי' און הסתר, ווערן יעדעס יאר פריש אויסגעלייזט פון מצרים. אין ליל פסח, ווען ס'שיינט דער אור הגאולה, ווערט נתברר ניצוצות הקדושה פון קלי' און דערלויכטן באורו ית' (דער אמת איז, אונזער שטענדיגע עבודה פון העלאת ניצוצות הקדושה, קומט אלעס פון גאולת מצרים, ווי דער אור החיים הק' זאגט אויפן פסוק (במדבר כג, כב) "קל מוציאם ממצרים", אז ס'שטייט נישט 'הוציאם' - בלשון עבר, נאר 'מוציאם' - בלשון הוה, ווייל יעדעס יאר ביים סדר-נאכט ווערן ניצוצות הקדושים נתברר פונדאסניי).

חז"ל (ברכות ט:) זענען דאס מרמז, אז הקב"ה האט געזאגט פאר משה "אקי"ה אשר אקי"ה, אהיה עמהם בשעבוד זה, **אהיה עמהם בשאר מלכיות**". הייסט אז דער כח וואס מיר האבן ארויסצוגיין פון שפעטערדיגע גליות, קומט פון גאולת מצרים. די מהות פון גאולה איז, צו מברר זיין טוב פון רע, און מגלה זיין אורו ית' בעולם.

## א נייע דביקות

**נאך א מהלך:** יעדעס יאר ביי גאולת מצרים, ווערט נתחדש און ס'שיינט אריין אין אונזער נשמה א הארה אלקית, וואס ס'איז דער שורש פון די גרויסע דביקות וואס מיר האבן צום אויבערשטן, און ווערט באנייט ביי יציאת מצרים. ווי געזאגט, גאנץ יציאת מצרים באשטייט פון דביקות אלקית, אזויווי דער פסוק זאגט (במדבר טו, מא) "אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים להיות לכם לאלקים". דאס שפילט זיך איבער יעדעס יאר; מיר באקומען כוחות און גילויים עליונים מאורו ית', וואס דערלייכט דביקות און אמונה בה' אין אונזער נשמה.

ס'איז מבואר אין זוהר הקדוש (זעה זח"ב מא:), אז 'מצה' איז דער שורש הגילוי, ווען מ'גייט ארויס פון טומאה צו דביקות אין אמונה בה', אין אלע דורות. אזויווי מיר זאגן אין די הגדה, "מצה זו שאנו אוכלין... שנגלה עליהם מלך מלכי המלכים הקב"ה וגאלם". און די גילוי ווערט פריש ערוועקט יעדעס יאר אין אונז, און ס'ברענגט אריין אין אונז א התחדשות פון דביקות און אמונה, נצחיות'דיגע דביקות אין אויבערשטן.

## סיפור יציאת מצרים און ארבע כוסות

**דאס איז דער ענין פון סיפור יציאת מצרים, און די ארבע כוסות, וואס קומט אלס שמחה אויף די גאולה:**

**סיפור** און **שמחה** זענען ענינים, וואס זענען מגלה א מענטשנ'ס פנימיות. א סיפור דערציילט זיין פנימיות, און שמחה איז עס מגלה אויף זיינע אלע כוחות און גלידער. דעריבער ביים סדר, ווען דער אור הגאולה ווערט נתחדש, און מ'נעמט אריין קדושת אורו ית' אין אונז דורכ'ן עסן מצה, זענען מיר ווייטער מגלה זיין גילוי אורו ית' דורכ'ן סיפור און שמחה. דערביי, איז די שמחה נישט אויף אן 'עבר', נאר א שמחה אויפן הוה, וואס ס'ווערט אצינד דורך אכילת מצה און סיפור יציאת מצרים.

פון דעם ווערט נמשך די מצוה פון זכירת יציאת מצרים א גאנץ יאר (זעה תניא פמ"ז). ווייל די גילוי פון ליל הסדר, געבט אונז כוחות פון גילוי יציאת מצרים פארן גאנצן יאר - גילוי אלקות, און הכנעת הרע. מגלה זיין יחוד ה' אין זיך אליינס, און אין די וועלט, און דורכ'ן שטענדיג דערמאנען יציאת מצרים איז מען זוכה צו מעלה זיין אלע ניצוצות הקדושים צו זייער שורש, ביז גמר הבירורים און תיקון השלם ווען "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות", במהרה בימינו.

### פונקען / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט ז"ע

**אסאך גלייבן אז ס'דא א גאט אין הימל. אבער א אמת'ער מאמין גלייבט אז גאט איז אויפן ערד.**

הרה"ק רבי העניך מאלכסנדר זי"ע

# ווער ס'האט מיט 'מחלליה' האט מיט 'ישמחו'

די חסידים ארום די בימה קאכן און זידן: "האט אמאל געזען אזוינס?" שושקעט ר' פינטשע, מיט ברענענדיגע אויגן, "ווי האט ער געזען אזא זאך?"

"און נאך אין שבת קודש?" ווערט אויך לייבוש, דער מלמד צעקאכט, "אפילו 'עם הארץ ירא לשקר בשבת', וואס איז געשען מיט אים?"

די חסידים'ס אויגן, פארברענען חיים ידידיה, וואס שטייט אין ווינקל פון בית המדרש. "וואספארא מחותן איז ער מיטן שבת?!" פרעגן זיי דערציטערט, פונעם שקר וואס האט זיך אריינגעכאפט אין חצר הקודש אין גור.

וועלכער שקר? חיים ידידיה שטייט זיך אין ווינקל פון בית המדרש, מיט א פארפלאמטן פנים. דער אור פון שבת האט אים געשיינט אינמיטן דאווענען, און ער קען זיך פשוט נישט אפטשעפען דערפון. ער גייט פשוט אויס פון געגועים צום שבת: "אוי ישמחו במלכותך, אוי שומרי שבת, אוי אוי אוי, ישמחו במלכותך..." אויך נאכדעם וואס דער הייליגער חידושי הרי"ם זי"ע און דער עולם האבן פונלאנג געענדיגט דאווענען, האט חיים ידידיה גארנישט באמערקט. ער דאוונט זיך ווייטער. ער באמערקט ניטאמאל די שטורעמישע טענה'רייען וואס ער האט ערוועקט ארום זיך.

די שארפע חסידים פונעם חידושי הרי"ם, אויסגעלייטערט אינעם קאלעך-אויוון פון קאצקער 'אמת', זעען אזא תפילה אלס עפעס וואס גרעניצט זיך מיט די ערגסטע עבירה אין קאצק: שקר, רחמנא ליצלן! אזוי שטייען זיי און וואונדערן זיך; פון איין זייט מיט גרויס ליבשאפט, און פון די אנדערע זייט מיט גרויס קנאת ה': וואס איז אים געשען? וויאזוי האט אים דער בעל דבר פארכאפט? "דובר שקרים לא יכון לנגד עיני".

די חברים האבן שוין באשלאסן צוצוגיין צו אים, צו מקיים זיין דעם "הוכיח תוכיח את עמיתך" אויף זיינע מעשים, ווען מיטאמאל עפנט זיך די טיר...

דער רבי איז פלוצלונג אריין אין בית המדרש. די חסידים מיט חיים ידידיה, וואס האט שוין געענדיגט דאווענען, גייען צו און שטעלן זיך מיט יראת הקודש פארן צדיק.

דער רבי ווענדט זיך צו די חסידים, און זאגט קורצע דיבורים: **"ווער ס'געהערט צו 'מחלליה מות יומת' - געהערט אויך צו 'ישמחו במלכותך'"** איינער וואס ווען ער איז מחלל שבת ווערט ער נענש דערויף, מיינט עס אז ער האט אויך א שייכות מיט די קדושה און שמחה פון שבת.

אפגעזאגט, און צוריק אריין אין צימער. די חסידים האבן פארשטאנען.

און נישט נאר פארשטאנען. זייער הארץ איז געווארן אנגעפילט מיט אן אור פון שבת! דעם רבינ'ס ווערטער זענען מגלה, אז מיר זענען מחותנים מיטן שבת! אויך אונז, אין אונזער שפל'דיגע מצב, דארפן היטן שבת, און אויב אזוי קענען מיר אויך זיין בשמחה פון שבת. דערביי, האט זיך אנגעצינדן א אור און שמחה אין זייער הארץ, ארויסגעבנדיג זיך אין א קנאקעדיגע 'ישמחו'...

ר' פינטשע שטרעקט אויס א האנט פאר חיים ידידיה, חיים ידידיה געבט פאר לייבוש, און לייבוש פאר מאיר איטשע, אלע חסידים נעמען זיך טאנצן צוזאמען מיט אן אש קודש, מיט פייערליכע געזאנג: אוי ישמחו במלכותך, אוי ישמחו במלכותך...

דער ריקוד ווערט אלץ שטערקער, זייערע נשמות פלאמען פון גרויס דביקות באור השבת. ס'ווערט דערציילט, אז די ריקוד פון די חסידים יענער שבת אין גור, האט זיך נישט געענדיגט ביזן עלות פון צפרא דשבתא...!

ס'איז אדורך צענדליגער יאר זינט די מעשה, און איין שבת ביינאכט האט דער אייניקל, הרה"ק דער אמרי אמת פון גור זי"ע דערציילט די וואונדערליכע מעשה פאר זיינע חסידים. אויך דאסמאל, זענען דעם רבינ'ס הייליגע ווערטער אריין אין זייער הארץ, און אנגעצינדן א פייער. פון גרויס אור השבת, האבן די חסידים אנגעהויבן טאנצן מיט אן אש קודש.

אבער ס'איז פארט אריבער אפאר דורות... די חסידים האבן נישט געטאנצט ביז צופרי, אבער די קדושה און שמחה אין זייער הארץ, האט געברענט פאר גאנצע דריי שעה פון הייליגע טענץ.

ס'איז דורך נאך אפאר צענדליגער יארן, און נאכאמאל איין שבת ביינאכט האט הרה"ק דער בית ישראל פון גור זי"ע דערציילט דעם סיפור וואס איז געווען ביי זיין זיידן, דער חידושי הרי"ם, און וואס עס האט נאכגעפאלגט ביי זיין טאטן, דער אמרי אמת.

און די חסידים? האבן געהערט, הנאה געהאט, און זענען אפילו אביסל נתפעל געווארן...

דער בית ישראל האט אויסגעפירט מיט א קרעכץ: "און איך קען דערציילן און דערציילן, און גארנישט..." די עלטערע חסידים האבן פארשטאנען און געזאגט: "די צדיקים וואס דערציילן א מעשה און טוען דערביי דערלייכטן דאס הארץ, זענען היינט דא פונקט ווי אמאל. נאר איר חסידים, וואס דארפן ווערן נתפעל און אנהייבן טאנצן, וואו זענט איר? איר זענט דאך אויך די זעלבע ווי אמאל, און גארנישט?! אויב איר האט א שייכות מיט 'מחלליה', האט איר אויך א שייכות מיט 'ישמחו'!

# דאווענען אן קיין ישוב הדעת?

## כ׳האב נישט אלעמאל קיין צייט און קאפ צו דאווענען ווי ס׳דארף צו זיין: וואס טוט מען?

### שאלה:

לעצטנס האב איך אנגעהויבן לערנען ספרי חסידות, ברוך ה׳. כ׳האב אנגעהויבן כאפן די אמת׳ע באדייט פון ׳דאווענען׳, אז ס׳דארף ברענגען דביקות און אהבת ה׳. מיינע תפילות זענען טאקע געווארן אסאך מער דערהויבן. דער פראבלעם איז, אז דאס איז נאר ווען כ׳האב ישוב הדעת און ׳מוחין׳, און אויך ווען כ׳האב צייט פארן דאווענען זיך אנצוגרייטן, למשל, שבת קודש. אבער וואס געשעט ווען כ׳בין פארפלאגט מיט פרנסה אד״ג, אדער אין פארנומענע טעג ווי ערב יו״ט, און כ׳האב נישט קיין צייט און קאפ צו דאווענען? מיין דאווענען איז דעמאלטס אזויווי א גוף אן א נשמה, וואס טוט מען?

### תשובה:

## תיקונים דורכ׳ן ׳טון׳ דאס דאווענען

אזויווי דו זאגסט, תפילה איז טאקע אן ׳עבודה שבלב׳. אזוי שטייט אין חז״ל, און ׳עבודה שבלב׳ באדייט אז אלע מצוות הלב, אהבה ויראה, אמונה און דביקות און ביטול לה׳, אהבת ישראל אא״ו, אלע מצוות וואס מ׳איז מקיים בשעת׳ן דאווענען, און דער גאנצער ענין פון דביקות הלב - איז ׳תפילה׳ (אזויווי ס׳שטייט אין יושר דברי אמת, תניא קונטרס אחרון, יסוד העבודה, און נאך). פונדעסטוועגן, האט תפילה אויך א חלק **המעשה** אזויווי יעדע אנדערע מצוה.

אייגנטליך, די נוסח התפילה וואס חז״ל האבן מתקן געווען, טוט אויף גרויסע תיקונים אזויווי אלע מצוות, אויך אן עבודת הלב און התחברות פנימית. ווען א מענטש טוט אן תפילין און שאקלט לולב, כאטש ס׳איז אוודאי דא א עבודה פנימית דערין, מאכט פארט די עצם מעשה מורא׳דיגע תיקונים אין הימל. א ראיה האסטו; מ׳באקומט אן א שיעור שכר דערויף, און קיין שום רב קען קיינעם נישט פטר׳ן דערפון. פארוואס? ווייל די מעשה המצוה אליינס קען ממשיך זיין אלקותו בעולם, דערלייכטן די נשמה און מזכך זיין די גוף. אויך די מצוה פון תפילה, כאטש ס׳האט אן עבודה פנימית, האט עס פארט א מעשה המצוה וואס קען מתקן זיין אלע תיקונים העליונים.

נאך מער; מצות תפילה האט א מעלה העכער אנדערע מצות, ווייל אלע בירורים, תיקוני העולמות און המשכת שפע אין די וועלט, זענען נקבע געווארן און ווערן נמשך דורך די עצם נוסח התפילה פון חז״ל. אויב אזוי, האט די נוסח התפילה א מורא׳דיגע מעלה, אויך אן איר עבודה פנימית.

אוודאי, זאגן די ווערטער אן קיין עבודה שבלב איז ניטאמאל א גאנצע ׳מעשה המצוה׳, און די תיקונים וואס ווערן דורך די עצם נוסח התפילה זענען נישט די זעלבע, ווי ווען ס׳וואלט געווען מיט עבודה פנימית. למעשה, די נוסח התפילה און עבודה פנימית זענען ווי א גוף און נשמה, און א גוף אן קיין נשמה איז זייער שוואך. אבער פארט, די נוסח פאר זיך מאכט מורא׳דיג גרויסע תיקונים.

דערצו ווייסן מיר ביי אלע מצוות, אז כאטש דער עיקר עבודה איז די פנימיות, איז די חלק החיצוני מעכב פאר די מצוה, ווייל ס׳איז נישט שייך אנצוקומען ערגעץ אן די חלק החיצוני.

## אותיות פון אור

וואס איז די ׳מורא׳דיגע תיקון׳ פון נוסח התפילה? מיר האבן מאריך געווען דערוועגן, אין א מאמר אויף דביקות אין אותיות התפילה. לאמיר עס איבערגיין אין קורצן:

ווי באקאנט, די מציאות העולמות איז נאר דבר ה׳, פון די עשרה מאמרות מיט וואס השי״ת האט באשאפן אלע עולמות און דורך די פארשידענע ׳חילופים׳ פון יעדער אות (אתב״ש, גימטריא, און נאך). די אותיות עליונות זענען מחיה אלע נבראים. דעריבער, ווען מ׳וויל ממשיך זיין אלקות און שפע אין די בריאה, מזכך זיין און מברר זיין דעם אור אלוקי פון די בריאה, דארף מען אותיות דערפאר. די אותיות התפילה וואס א איד זאגט פון זיין מויל, זענען ממשיך די אותיות העליונות וואס זענען א אור אלוקי, און ברענגען שפע פאר די גאנצע בריאה.

דעריבער, אפילו ווען מ׳קען נישט טון קיין עבודה שבלב בתפילה, דארף מען וויסן אז דער עצם זאגן די ווערטער, איז שוין ממשיך און משפיע אלקותו אין די בריאה, ס׳איז מגלה דבר ה׳ בעולם, דערלייכט די נשמה און איז מזכך די גוף.

## א פונק, פלאמט אויף א פייער

ביז אצינד האבן מיר בארעדט די מעלה פון זאגן דעם נוסח התפילה אן קיין עבודה פנימית. אבער למעשה דארף מען וויסן, אז אויך אזוי, קען מען זיך עטוואס מתחבר זיין צו די עבודה פנימית.

אפילו אין א פארפלאגטן טאג, ווען דו האסט נישט קיין ישוב הדעת און הכנה אריינצוקומען מיט די גאנצע התחברות, קענסטו פארט טרעפן א התחברות וואס איז שייך אין אזא צייט, ווי פאלגנד:

זיך אפשטעלן פאר איינס פון די מזמורים וואס האט פסוקים וואס רעדן צו דיר, און אן ענין וואס איז קלאר ביי דיר, און דו קענסט זיך גרינגערהייט מתחבר זיין צום אינהאלט דערפון. זיך נעמען אפאר מינוט אריינצוטראכטן מיט רוהיגקייט אינעם תוכן המזמור, און דאן דאווענען דעם מזמור מיט גרויס התלהבות און התחברות צו כאטש דער איין מזמור. קענסט אויך אריינטייטשן דעם מזמור צו דיין פריוואטע לעבן - וויאזוי די אמונה, אהבה, יראה אדער ביטול דארף זיך ארויסברענגען אין דיין בטחון אין אויבערשטן, דיין שמירת עיניים, דיין משא ומתן באמונה, אא״וו.

דאס גייט אן פאר יעדן, אין יעדע צייט. מ׳דארף נישט קיין טיפע געפיל און התחברות דערצו, ס׳נעמט אויך נישט קיין סאך צייט, און ס׳באווייזט וואונדער.

וואס? ס׳איז דאך נאר א קליין מזמור, אין אפאר מינוט, כמעט אן קיין רגש׳דיגע חיבור?! ס׳איז נאך אלץ גענוג צו פארשטערקערן מיין דביקות בה׳? די תשובה איז: יא. א גאנצן טאג ביסטו פארנומען מיט גשמיות׳דיגע זאכן, און ס׳איז כמעט נישט שייך נישט אריינצופאלן אין די הסתרות פון די וועלט. דעריבער, איז גענוג אפילו א קליין התעוררות פנימית צו מעורר זיין די נשמה, נישט אינגאנצן אריינצופאלן אינעם עולם השקר. דעריבער דארף מען אויך אזא פשוט׳ע תפילה, וואס ערוועקט די נשמה כאטש פאר א קורצע צייט, און אזוי באקומט דער גאנצער טאג אן אנדערע פנים.

מ׳דארף פארשטיין, אז די צייט פון דאווענען, איז שטארק מסוגל איינצובאקן דביקות בה׳ אין זיך. דעריבער, אפילו ווען קענסט נישט מאכן א גאנצע התחברות, טוט אויך די קלענסטע מחשבה בשעת׳ן דאווענען, אויך די שוואכסטע דאוואנען, שטארק משפיע זיין און איז מקרב דעם נפש ליוצרה.

נאך מער; יעדע תפילה וואס האט אפילו אביסל עבודה פנימית, ערוועקט דעם ׳רושם׳ וואס איז איבערגעבליבן פון דיינע אמאליגע תפילות, ווי האסט געהאט אסאך התחברות פנימית. דערמאנסט זיך יענע אלע הארות, כאטש ביסט יעצט נישט אין קיין מצב פון חיבור. קומט אויס אז אויך אזא תפילה פארשטערקערט די אנדערע טיפערערע תפילות, די דביקות ווערט מער איינגעקריצט אין דיר. ס׳מאכט אז די דאווענען פון די ליכטיגע צייט זאל לייכטן אויף ווייטער און אויף אייביג.

**אבער מ׳דארף צולייגן א וויכטיגע עצה:**

כדי צו האבן א מזמור צו וואס מ׳איז זיך מתחבר, אדער א שטיקל דאווענען וואס לייכט, דארף מען גוט פארשטיין דעם סידור. מיר רעדן זיך איין אז מיר קענען עס שוין, אבער ס׳איז בכלל נישט אזוי. ווילאנג מ׳לערנט נישט דעם סידור מסודר׳דיג, האט מען נישט קיין אמת׳ע הבנה. און ווען ס׳פעלט אין הבנה, איז נישטא קיין חיבור.

מ׳דארף גוט דורכלערנען דעם סידור. נישט סתם געלערנט. פארשטיין די ריכטיגע פירוש פון יעדן מזמור. די בעסטע איז עס צו לערנען מיט רש״י, מצודות און מלבי״ם, אבער ווער ס׳קען נישט, זאל כאטש לערנען ׳סידור המפורש׳. פארשטייט זיך, נאכן פארשטיין פשוט פשט, דארף מען קענען די חסיד׳ישע פשט (למשל, ווען דער פסוק רעדט פון ׳גויים׳, דארף מען וויסן אז ס׳מיינט די חלק הרע פון די בריאה. אבער צוערשט דארף מען טייטשן, אז ס׳גייט ארויף אויף די רע וואס מ׳האט אין זיך, מיין יצר הרע, מיינע שווערקייטן און גוי׳אישקייטן. ווייל כדי צו וועלן אויסרייסן די רע פון די גאנצע בריאה, דארף מען שוין זיין מער פנימיות׳דיג). אזוי אז ווען ס׳קומט צום דאווענען, ׳דאוונט׳ מען, ׳מ׳לערנט׳ נישט, מיינענדיג, מיט די חסיד׳ישע פשט, וואס איז מסביר וויאזוי ס׳איז נוגע דיין נשמה און עבודה פנימית.

## א פאריאגטע, לכתחילה׳דיגע דאווענען

**לאמיר ענדיגן מיט א כללית׳דיגע נקודה אין עבודה ה׳, וואס איז נוגע דיין שאלה:**

דאס אז צומאל קענסטו נישט דאווענען מיט א געהעריגע עבודה, איז בכלל נישט קיין בדיעבד. געווענליך, ווען איינער געפינט זיך אין אזא מצב, ווערט ער אפגעפרעגט ביי זיך. ער שפירט אז ער האט נישט קיין שייכות צו עבודת התפילה. אבער ס׳איז נישט גערעכט.

פארקערט, דער סדר הבריאה איז לכתחילה געבויט אויף צייטן ווען מ׳האט אן אפענע הארץ, און צייטן ווען מ׳האט עס נישט, ס׳איז דא טירדות אא״וו, ס׳איז דא זמני קטנות, און ס׳איז דא זמני גדלות. השי״ת ווייסט דערפון, און אייגנטליך, ער האט עס באשאפן. פארוואס? ווייל ער וויל יעצט א פשוט׳ע תפילה. ס׳ברענגט אים א נחת רוח.

צוערשט פארשטייט מען עס נישט, מ׳וויל נישט משקיע זיין אין אזא פשוט׳ע תפילה, מיינענדיג אז ס׳איז אן עבירה... אבער ווען מ׳כאפט אז ס׳איז א סדר וואס השי״ת האט פאראויס געשטעלט, און ס׳וועט אים שאפן א נחת רוח, וויל מען משקיע זיין דערין. מ׳ווייסט אז דאס איז מיין היינטיגע עבודה, און דאס איז שלימות. אזויווי דער קאצקער רבי ז״ע האט געזאגט: ״אל תאמר לכשאפנה אשנה״ - ווארט נישט אויף א צייט ווען דו האסט נישט קיין טירדות, צו נתעלה ווערן, ״שמא - לא תפנה״ - ווייל אפשר וויל השי״ת דווקא די עבודה ווען דו ביסט פאריאגט.

השי״ת האט אסאך נשמות, פון יעדע וויל ער אן אנדערע עבודה; פון איינע א ׳מוחין׳דיגע׳ תפילה, פון איינע א געפילישע תפילה, פון א דריטע אן אנדערע סארט תפילה, אזוי אז השי״ת האט אן א שיעור סארט תפילות וואס ער וויל. אויף דעם שטייט ״אין לך דבר שאין לו מקום״, יעדעס מאל וויל השי״ת אן אנדערע דאווענען, יעדע תפילה האט זיך איר פלאץ, און אויב ס׳איז די לכתחילה׳דיגע פלאץ, דארף מען עס טון מיט די גאנצע שלימות.

דער אמת איז, אז די טונקעלע דאווענענ׳ס האבן א ספעציעלע קדושה, אזויווי דער קאברינער זי״ע האט געזאגט פאר זיין הסתלקות ״די ליכטיגע מהיכי תיתי״, ווייל ער האט געזען די אור, פון די טונקעלע צייטן ווען ער האט זיך געשטארקט. די סיבה איז, ווייל אין די ליכטיגע צייטן ברענגען מיר אונזער אור, ׳אש משל הדיוט׳, אבער אין די טונקעלע צייטן איז מען זיך מחזק מיט אמונה למעלה מהשגה, און דאן טוט אונז השי״ת אליינס דערלייכטן, אזוי אז ס׳איז אן ׳אש משמים׳, און די דעמאלטסדיגע תפילה ברענגט גאר א העכערע אור.

**אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי״ת, אבער מ׳ווארט אויף אייער שותפות**
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ״ד, אזוי אויך אויף אלע פרטים איבערן גליון
רופט אין מאנסי: **347.452.3118** אין וויליאמסבורג: **347.768.3577** אין בארא פארק: **347.520.8743**
אימעיל DD0722531385@gmail.com | **תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483**